# דרײַ לידער

## ישׂראל נעקראַסאָװ

אַלץ קירצער װערן טעג, און נעכט — אַלץ לענגער,
אַ גימפּל פּײַפֿט אין צװײַגן װי אַ פֿלייט,
דער װינט איז שאַרף און בייז, פֿון צפֿון ברענגט ער
דעם אומפֿאַרמײַדלעכן און נאָענטן טויט,
און פֿאַלט אַראָפּ, און װויעט אינעם קוימען,
און מידע גרעזער שטאַרבן ביסלעכװײַז,
און צװישן געלע בלעטער בלויען פֿלוימען,
און אינעם עמער שװימען שטיקלעך אײַז.

---

כ׳קען ניט זאָגן, אַז עס טוט מיר באַנג,
דאָס איז אַ נאָרמאַלער פּראָסטער שטייגער:
עמעצער מוז פּוידען װי אַ שלאַנג,
עמעצער קען פֿליִען װי אַ פֿויגל.

לאָמיר פֿליִען אין דער הייך אַרײַן
איבער דינע זונענדיקע שטראַלן,
לאָמיר פּרוּװן װערן שטאַרק און פֿרײַ.
העכער! שרעק זיך ניט אַראָפּצופֿאַלן.

שרעק זיך ניט צו ברעכן זיך דעם האַלדז:
רעאַנימאַטאָרן קענען אַלץ.

---

ס׳ליגט אַ שמאָלער פּראָספּעקט צװישן װענט, ברוינע, געלע און גרויע,
און די שטאָט דעכעט שװער, אָנגעטאָן אין אַספֿאַלט און בעטאָן.
אַ גראַניטענער פּאַרקן, אַן אַלטער טשוגונענער טויער,
און אַ קופּאָל אַ גרינלעכער הענגט אויפֿן בלוילעכן פֿאָן.

דאַכט זיך, ס׳װאַרטן די װענט די פֿאַרחלומטע, גרויע און געלע,
ס׳האָט די צײַט אויף אַ רגע פֿאַרלאַנגזאַמט איר אייביקן טראָט.
מענטשן, מידע, פֿאַרמאַטערטע, רינען אַריבער פּאַמעלעך
אין די װאַרעמע אָדערן פֿונעם געפּאַקטן מעטראָ.

און אַן אָװנט צעשמירט דאָס געמעל פֿון בנינים, און פּלעצער, און גאַסן,
שבת-ליכט צינדט מען אָן אין די ייִדישע דירות אַצינד,
ערגעץ דאָרטן, ניט װײַט, זידט אין טײַך די פֿאַרנאַפֿטיקטע װאַסער,
קװאָלע קוסטן און ביימעלעך בויגן זיך אונטערן װינט.